Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

## Zaṿl rimer

**Menaḥem**
**מנחם**

**Ṿarshe, 1923**

לטיפּאַק עטנעצ סאָד

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8195

Visual Library

# דאָס צענטע קאַפּיטל

א אומעטיקער פרילינג האָט געשפּרייזט איבערן לאַנד,
אין שוואַרצע לוזשעס וואַסער זיך צעגאָסן איבער וועגן
און ס'האָט די זון אָן פרייד איר וואַרעמקייט געשיקט.
אַ יאושדיקע פוילע אָפּגעלאָזנקייט האָט זיך צעשפּרייט
אויף דאָרף און שטעטל. ס'האָט דער פּויער נישט געוואוסט,
צי זאָל ער מיט דער לעצטער קליאַטשע נעמען אַקערן דאָס פעלד –
דער טייוול וייס, ווער ס'וועט דעם שניט פון דעם אַראָפּנעמען –
און פויל געטרייסט זיך מיטן ביסל תּבֿואה, וואָס ער האָט
באַהאַלטן אויף אַ הונגער-טאָג. ביים ייד אין שטעטל
איז די פּרנסה אויסגעגאַנגען: ס'האָט דער דאָרף באַגראָבן
צוריק אין ערד, וואָס איז פון ערד געקומען,
ביים זעלנער איז אַוועק די צייט פון וואוילטאָג, און אַליין
אין שטעטל צווישן זיך האָט מען געשראָקן זיך אַ ריר צו טאָן
און דורכגעקומען מיט אַ שיבוש. אַז די זון האָט זיך געשטעלט
און וועגן האָבן אָפּגעלאָזט, האָט מען גענומען וואַנדערן:
דער פרעמדער זעלנער האָט געבענקט און זיך נישט אומגעקוקט
וואו ווער עס גייט און פאָרט. האָט מען דערציילט,
אַז ס'קלייבן זיך צוריק ישובֿים אין פאַרלאָזטע שטעט,
אַז מענטשן ציען זיך צו היימען און ס'האָט אָנגעהויבן
אַליין אַהיים זיך בענקען. אמת, אַלץ האָט אָפּגעברענט,
נאָר ווי געשיקט זיך ס'זאָל קיין הויז נישט בלייבן ערגעץ,
און ווער קאָן וויסן וועמעס הויז. און אויב חלילה

מען זאָל בלויז חורבות טרעפֿן, זענען דאָך די חורבות אויך
אויף ליבער ערד און אייגענע. באַרעכנט זיך ר׳ שלום:
אי״ה נאָך פּסח דאַרף מען איינפּאַקן דאָס פּעקל
און לאָזן זיך צוריק. נישטאָ דאָ וואָס צו טאָן שוין מער.
און דאָרטן, אַז מ׳עט נעמען בויען, וועט מען פֿירן
געהילץ און ציגל, אייזנוואַרג און גלאָז — מיט גאָטס זיין הילף,
מען קאָן זיך שוין צו עפּעס צושלאָגן. דערצו וועט אויך
אַ סוף נעמען אַמאָל צום אומגליק מיטן זון: אַוועק פֿון דאַנען,
און זאָלן עס די אויגן מער נישט אָנקוקן. אַ סוף!
באַרעכנט זיך און דורכגעשמועסט מיט דער מאַמען. אָבער זי
האָט אין דער שטיל געטראַכט: זי וועט דעם זון נישט לאָזן דאָ.
און אַז זי גנבעט זיך אַצינד מיט טעפּעלעך אונטערן פֿאַרטוך,
ווייס אויך דער אַלטער נישט. אַוודאי איז אַ זינד זיך צו באַהאַלטן.
וואָס קאָן מען אָבער טאָן? און ווידער — צווישן זיך גערעדט —
דערלייגט זי נישט צו זאַוולען. ס׳קומט אים נאָך געגנוג,
און ווען נישט זאַוולס מי וואָלט איצט דער טאַטע אויך
אַזוי נישט קלינגען מיטן בייטל. ניין, ער וועט נישט בלייבן דאָ.
און יענע, חיה ריזע, הייסט עס? ווייסט די מאַמע נעבעך,
אַז ס׳איז אַ גרויסע זינד. ווען נישט דער זון אירער
וואָלט יענע נישט דערגאַנגען צו אַזוינס. אַן עלנטע יתומה,
און זי — אַ מומע — זאָל איר גאָט נישט שטראָפֿן. אָבער אייגן לייב —
וואָס קאָן זי טאָן? און ווייניק איז זי שוין געשטראָפֿט
מיט אים אַליין אַזעלכן — נישט צו גאָט און נישט צו לייט?

קריגט זאַוול טעפּעלעך געקעכץ אונטער דער מאַמעס פֿאַרטוך
און עסט דעם שוואַרצן ברויט פֿון אירע הענט און ס׳דאַכט זיך אים,
ער איז אַ קליינער קראַנקער יינגל און די מאַמע זיצט
און קאָרמעט אים פֿון האַנט, אַבי ער זאָל נאָר איינליגן,
נישט רירן זיך, ווייל — דאַנקען גאָט — ער וועט שוין לעבן
און די סכּנה איז אַריבער. יאָ, עס איז געווען אַ שווערע קרענק,
נאָר איצטער נעמט ער ביסלעכווייז צוריקקומען צו זיך
און וועט זיך אויסהיילן. דערווייל טוט יעדער אבר וויי,

און ס׳וויגט זיך נאָך אין האַרץ די נאָגעניש און פּיינלעכקייט
פון אָפּגעקומענעם. אַ שטראָף אַזאַ געווען. ער האָט געדאַרפט
זיך אויסטונקען אין דעם, דאָס איבערקרענקען, און דערנאָך —
באַפרייען זיך. געדאַרפט אַזוי. נאָר איצטער איז שוין גוט.
פון ווייטן קערט זיך אום דאָס אַלט-געוועזענע,
עס נעמט זיך בענקען און ס׳איז רו אין בענקעניש. ס׳איז גוט.
און איז עס נישט אַ חסד דאָס אַליין, וואָס ער איז פריי
און זי האָט נישט קיין קינד געהאַט... נישט זי... מען האָט זיך דאָך
דערבאַרעמט איבער אים און אויסגעהיט... יסורים — יאָ.
אין מאַטערניש און עקל אויסצוטונקען — יאָ. נאָר דאָס—
אַ קינד פון איר — דאָס ניין! — דאָ איז געוואָרן אַ רחמנות:
מען דאַרף אים נישט אינגאַנצן אומברענגען, דעם זאַוול,
ער דאַרף נאָך — לעבן. זיצט די מאַמע מיטן שוואַרצן פּעניץ ברויט
און קוקט מיט אומעטיקע אויגן... יאָ, ס׳איז דאָ רחמנות,
און זאַוול וועט נישט אונטערגיין.
ער פילט קיין שנאה נישט,
אַפילו נישט קיין אָפּשטויס מער צו חיה ריווען. גאָרנישט.
ער ווייס, פון וואַנען ס׳קומט צו איר דאָס געלט
און ס׳ווייסע ברויט און צוקער און די פּעקלעך שאָקאָלאַד,
מיט וועלכע זי קומט אָנגעלאָדן פאַרן קינד. ער ווייס,
און דאָס, וואָס מענטשן ווייכן אויס איר טריט אין גאַס,
דאָס אַרט אים אויך נישט: ס׳איז אַלץ איינס אַן עקל,
איז וואָס דער חילוק — צי מיט איינעם צי מיט אַלעמען?
פאַרקערט: אים ווילט זיך דווקא אָננעמען פאַר איר,
ווייל אַלע זענען זיי אַזוי. און וואָס אים קרענקט
איז אָט די שטומע צונג זיינע, ווייל ווען נישט דאָס,
וואָלט ער אַזויפיל גוטע גוטסקייט איר געהאַט צו זאָגן.
און זאָל זי אים נישט נאָכקוקן מיט האַס אַזוי. צו וואָס?
אַז מען באַדאַרף עס נישט...
און דאָ די יונגע זון
גייט אויף אין וואַרעמקייט, ס׳איז ווייך די ערד אונטער די טריט
און אויפן פּנים בלאָזן מילדע ווינטלעך. מילד און גוט.
וואָס דרייען זיך די מענטשן אום אַזוי פאַרמרהשחורהט?

און אַז עס פעלט דאָס שטיקל ברויט אַפילו, קומט דאָך צו
א נאָגעניש, וואָס עפּנט יעדער ווינקעלע פון האַרץ
פאַר יעדער פּאַסמע ליכט און שאָטנדל און פויגל-שפּיל
און ס'פּילט זיך אַזוי באַנג און לייכט אין אומעט.
עס איז דאָך גוט אַזוי.

קומט איציק אָן אַנטקעגן
און טראָגט אין אַ פּאַטשיילקע וואָס. — וואו גייסטו, איציק?
— די מאַמע שיקט דיר עסן. — שטעל עס דאָרט אַוועק.
אַוועקגעגאַנגען איציק. אזאַ הויכער יונגער בחורל,
אַ בחור שוין. קאָן זיין ביינאַכט אַליין אין שלאָפּבאַנק
ליגט ער שוין אויך און ס'בענקט זיך אים און ער וועט באַלד
ווי יענער משה נעמען שלעפּן זיך מיט מיידן, קומען שפּעט
און ס'וועט די מאַמע דאַרפן אויסטאָן אים, אַ שיכּורן,
און לייגן שלאָפן, אָט דעם איציק דאָ. איצט גייט ער נאָך אַזוי
און ווייס נישט וואָס וועט זיין. נאָר זאַוול ווייס . . הם . . הם. . .
און משה דאָרט – אַוועק איבערן ים -- און גאָרנישט.
פאַרשוואונדן ווי אַ וואָלקנדל און מיטן קאָפּ אַפילו נישט צו כאַפּן
ווי ווייט עס איז. געווען און איז נישטאָ. אַזוי ווי אַ פאַרלאַנג,
פאַר וועלכן מ'האָט קיין ווערטער נישט, וואָס אָט-אָ קומט עס
און אָט איז עס אַוועק און שוין – נישט אָנצוכאַפּן מער.

גייט זאַוול אום און חלומט. שכנים גרייטן זיך צום פּסח,
און זי אַפילו, חיה ריווע, טראָגט עפּעס פון גאַס כּסדר
און פאָרעט זיך אין שטוב. צו בדיקת-חמץ קומט די מאַמע
מיט רויטע אויגן און נישט קוקנדיק דער שנור אין פּנים
פאַרלייגט זי אַ בקשה פאַרן זון: ער מוז ביי איר ביים סדר זיין.
ביים סדר? וואו? ביים טאַטן? ער? ער וועט נישט גיין.
צעוויינט זי זיך, די מאַמע. ווייניק נאָך איז איר געווען
ביים טאַטן דאָס צו פועלן, איז ער נאָך דאָ אַ צוגאָב.
מיט וואָס האָט זי אַזוי פאַרזינדיקט? שווייגט ער,
און חיה ריווע זיצט אין ווינקל, קוקט זיך צו, שווייגט אויך.
צעיאָמערט זיך די מאַמע, און אַז דאָס קאָן אויך נישט רירן

דאָס שטייגערן האַרץ פון זון, דאַן כאַפּט זי קושן זײַנע הענט
און ער שפּרינגט אונטער, ווי געשטאָכן, שרייענדיק: הער אויף! נו, גוט!
כ'וועל קומען, קומען! — און ווען עס עפנט זיך אַ גרוב,
וואָלט ער אַרײַנגעשפּרונגען. זאָל זי שוין אַוועק פון דאַנען!
און אַז די מאַמע מיטן טיכל אויפן קאָפּ איז שוין בײַם טיר,
דערפילט זי חיה ריוועס בליק און פּטרט אָפּ אויף גיך:
— קאָנסט אויכעט קומען, חיה ריווע! — און זי לויפט אַרויס.
אויף מאָרגן שלעפּט ער זיך אַרום אַ גאַנצן טאָג,
און אַז ער קומט פאַרנאַכט, איז אויפגערוימט אין קאַמער,
דאָס קינד איז אויסגעצוואָגן, ס'שמעקט מיט יום־טוב
און זי אַליין איז אַזוי אויסגעפּוצט און שיינס. ער קוקט
און ס'ווילט זיך זאָגן עפּעס. קומט זי אים אַנטקעגן:
— דו ווילסט זיך נישט אַרומוואַשן? — און טראָגט אַרײַן
אַ שיסל הייסע וואַסער מיט אַ האַנטוך, לייגט אַוועק אַ העמד,
ער וואַשט זיך, טוט זיך איבער — און ס'איז שלעכט.
ווי גייט מען צו דער מאַמען ערשט? דאָך אָנגעטאָן זיך
און גרייט צו גיין. נאָר אַז ער שטייט שוין בײַ דער טיר,
פאַרצאַמט זי אים דעם וועג מיט בײַדע הענט און צישעט אויס:
— דו וועסט נישט גיין אין ערגעץ! דאָ וועסטו מיר בלײַבן!
זי ווייס מסתמא נישט, ווי דאַנקבאַר ער איז איר דערפאַר,
און אים נישט לאָזנדיק אַפילו עפענען דאָס מויל,
באַוואָרפט זי אים מיט רייד: — אַ סדר האָט זיך דיר פאַרגלוסט?
אַ וויסטער סדר אויף דײַן קאָפּ, ווי היסט און פינסטער
מײַן לעבן איז געוואָרן צוליב דיר. נו, גיי! — און זאַוול הערט
אַזוי פיל טרערן אין איר קול, אַזוי פיל וויי. אין אַ מינוט
פאַרפלייצט עס איר די אויגן. לאָזט זי אָפּ די הענט פון טיר
און פאַלט אַנידער מיטן קאָפּ אין סאָפקע אין אַזאַ יללה,
ווי פון א מאַמען אויף אַ טויטן קינד. באַלד פלעכט זיך דער געקלאָג
מיט וואָיענדיקע רייד: — זאָל דיר דאָס האַרץ אַזוי צעריסן ווערן
ווי דו האָסט מײַנע יונגע טעג צעריסן! זאָלן דײַנע בײנער
אַזוי זיך וואַלגערן אין אַלע רינשטאָקן און פוילן,
ווי איך האָב זיך געוואַלגערט, אַז מען זאָל פון דיר קיין סימן נישט דער קענען

ווי איך דערקען זיך נישט, ווי איך אַליין דערקען זיך נישט,
אַז ווײ און ווינט איז מיר!... עס לאָזט זיך אויס
מיט אַזאַ אויסגעצויגענעם און שטילן קלאָג, און לעבן איר,
די הענטלעך אין איר קלייד, צעווײנט זיך אויך דאָס קינד.
בויגט זאַוול זיך צו אירע ציטערדיקע אַקסל, רירט זי אָן
און רעדט: — איך וועל נישט גיין אין ערגעץ! נו, וועל איך נישט גיין!
— גײ ברעך דיר האַלז און נאַקן! קיינער דאַרף דיך נישט.
האָסט שוין געמאַכט פון מיר אַ תּכלית, מעגסט שוין גיין!
ער זעצט זיך אויף דער סאָפקע לעבן איר און גלעט איר קאָפּ
און בעט זיך: — זאָג, וואָס זאָל איך טאָן פֿאַר דיר, נו, זאָג!
אָט ווילסטו, וועל איך גראָבן ערד, כ'וועל האַקן האָלץ,
נו, וואָס עס איז — איך וועל שוין קריגן און פֿאַרדינען.
נאָר זאָג מיר, וועל איך אַלצדינג טאָן. — איך דאַרף דיין געלט נישט,
איך דאַרף עס נישט. — פונדעסטוועגן גלייכט זי זיך אויס
און מיט פֿאַרטרערטע אויגן קוקט זי אים אין פּנים,
אין טרויעריקן, מילדן, מיט די אָנגערוקטע ברעמען,
און עפּעס גלויבט זי נישט. נאָר זיינע אויגן קוקן
מיט אָפֿענעם און שטילן צער, פֿאַרשטייט זי נישט און פֿרעגט:
— וואָס קוקסטו אָט אַזוי אויף מיר? — ווי זאָל איך קוקן?
— פֿאַרוואָס האָסטו געמאַכט פון מיר אַזוינס, איך זאָל די גאַס
נישט קאָנען דורכגיין. זאָג! — וואָס אַרט עס דיר?
זיי רעדן — זאָלן זיי! — און דו? דיך אַרט עס גאָרנישט?
דיך אַרט נישט, וואָס דיין ווייב... — מען דאַרף נישט וועגן דעם.
דערמאָן נישט מער און שוין. — וואָס מיינסטו — שוין?
נו, גאָרנישט. ווילסט עס נישט, וועסטו דאָס מער נישט טאָן.
— און דו וועסט זיין אַזוי? אַ מאַן פון אַזאַ ווייב?
— עס מאַכט נישט אויס. מען דאַרף נישט מער דערמאָנען.
זי קוקט אים אָן צעמישט. — דו מיינסט עס מיט אַן אמת?
— אַוודאי, חיה ריווע, ווי דען אַנדערש? — גלויבט זי אַלץ נישט
און שעפּטשעט, תּאָרשנדיק: — און לעבן אויך מיט מיר?
דער ענטפֿער קומט נישט באַלד. איר האַרץ קלאַפּט הויך,
נאָר אָט-אָ זוכט ער אויף איר האַנט — צום ערשטן מאָל

וואָס ער נעמט אָן איר האַנט אַזוי – און רעדט פּאַמעלעך:
– אָט זעסטו, חיה ריווע, מיינסט – איך האָב דיך פֿיינט?
נישט אמת. כ׳האָב דיר אַלעמאָל געוואָלט דאָס זאָגן.
דו דאַרפֿסט נישט זיין אין כּעס אויף מיר. פֿאַרקערט.
איך וויל, אַז דיר זאָל גוט זיין. בין איך גרייט פֿאַר דיר
גיין אַרבעטן, פֿאַרדינען – אַלץ. דו הערסט? און מיינסט –
איך בין אין כּעס אויף דיר דערפֿאַר – דו ווייסט – נישט אמת.
כ׳וועל אַלעמאָל זיין גוט צו דיר. נאָר דאָס – מען דאַרף עס נישט.
מען דאַרף נישט. לאָז מיך אָפּ. – איר אָטעם אָפּגעהאַקט
און שטיל: – פֿאַרוואָס? נו, זאָג מיר ווייניקסטנס, פֿאַרוואָס?
– איך ווייס נישט, חיה ריווע, ווי דו זעסט מיך לעבן, כ׳ווייס נישט.
איצט ווינס זי שטיל אין זיך. – איך וואָלט דאָך באַלד
אַ קינד געהאַט און וואָלט געווען אַ ווייב מיט אַלע גלייך.
ס׳נעמט יעדער איינער די כּפּרה איין פֿאַר מיר,
און נאָר ביי דיר בין איך פֿאַרמיאוסט, נאָר ביי דיר.
זיין פּנים קרימט זיך און ער נעמט זיך בעטן:
– נו, בין איך שולדיק, בין איך. אָבער אַז איך קאָן עס נישט,
ס׳איז מיר נישט גוט אַזוי – וואָס זאָל איך טאָן מיט דיר?
– וועל איך דאָך ווידער גיין... ער ענטפֿערט גאָרנישט מער,
נאָר ווידער זוכט ער אויף איר האַנט און גלעט זי, גלעט
מיט אַזאַ טרייסט און ווייטאָק, ווי אַ לעבעדיקן נפֿש,
און אומגעריכט פֿאַר זיך אַליין דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
די האַנט געטראָגן צו די ליפּן און ער קושט זי, קושט זי
מיט צוגעמאַכטע אויגן און אַ אָטעם ווי פֿון טרערן,
דאַן לאָזט ער נידעריקער דעם קאָפּ, האַלט צו איר האַנט
מיט ביידע זיינע און עס דאַכט זיך חיה ריווען: זאַוול וויינט.
אַ קוואַל פֿון נייע טרערן רייסט זיך אויף אין איר:
– אַז איך פֿאַרשטיי דיך נישט, איך קאָן דיך נישט פֿאַרשטיין!

דעם אָוונט, וואָס נאָך פּסח, איז אַריין די מאַמע
און האָט געפֿונען זאַוולען אָנגעשפּאַרט איבער אַ בוך
און חיה ריווען דרייענדיק זיך שטיל איבערן שטוב.

האָט זי זיך צוגעזעצט ווי קיינמאָל גאָרנישט און געשוויגן.
ביז חיה ריווע האָט זי אָנגעקוקט און זיך געכאַפּט:
— איר ווילט דאָך עפּעס ריידן, מומע. גוט, וועל איך אַוועקגיין.
די מאַמע האָט פאַרשעמט געמורמלט: — קאָנסט דאָ בלייבן.
פונדעסטוועגן, ווען יענע איז אַרויס, האָט זי זיך צוגערוקט
און שטיל געפרעגט ביים זון: — שוין שלום צווישן אייך?
— ס'איז גאָרנישט — האָט ער אָפּגעענטפערט און זיך גלייך געכאַפּט,
ווי ער וואָלט סודות אויסגעגעבן מיטן וואָרט.
זי האָט פאַרשטאַנען און געזאָגט: דו הערסט, מיין זון,
אַז גאָט וועט העלפן, וועלן מיר נאָך שבת שוין אַוועקפאָרן.
— וואוהין? — צוריק אַהיים. — וואָס מיינסטו, מאַמע?
דאָס מויל האָט זיך צעעפנט און פון זיינע אויגן
האָט שיער אַ שרעק אַרויסגעקוקט: — וואָס הייסט — אַהיים?..
— אַבי איך האָב געמיינט — דו ווייסט שוין — האָט זי זיך געכאַפּט.
פאַרשטייסטו — מענטשן פאָרן און מען זאָגט — אַ האַלבע שטאָט
איז שוין פאַראַנען. האָט דער טאַטע זיך באַרעכנט, זעט עס אויס
מיר וועלן אויך נאָך שבת פאָרן. — נו, און איך?
דער אויסרוף האָט געקלונגען אַזוי קינדיש, אַז די מאַמע
האָט שיער זיך נישט צעשמייכלט: — בין איך דאָך געקומען דאָ.
פאַרשטייסט — דער טאַטע וויל נישט. ס'הייסט, צוזאַמען פאָרן —
פון דעם איז גאָר קיין רייד נישטאָ. האָב איך געטראַכט:
וואָס דאַרפסטו אָנהויבן מיט אים? וועסט נאָכקומען אַליין,
וועסט שוין זיין. און דאָרטן וועט מען זען. — און חיה ריווע?
אויף דעם האָט זי זיך נישט געריכט. נאָר דאָס, וואָס יענע
איז פריער אַזוי שטיל אין שטוב אַרומגעגאַנגען, איז איר איצט
פאַרדעכטיקער געפאַלן, האָט זי אָפּגעקערט די אויגן
און אָנגעהויבן ווייך: — מען קאָן דאָך נישט אַזוי, אַבי געלאָפן.
וועסט קומען דאָרט, וועסט אָנהויבן אי"ה פאַרדינען עפּעס,
וועט חיה ריווע אויך אַריבערקומען. אָפּגעזאָגט
און גרייט געווען צו וואַרטן ביז ער וועט זיך איבערטראַכטן.
נאָר ער האָט נישט געטראַכט: — וואָס מיינסטו, מאַמע?
וואָס הייסט — איך וועל זי איבערלאָזן דאָ אַליין?

– איך זאָג דאָך דיר – חלילה נישט אויף לאַנג. און ווידער –
האָסט דאָך שוין געזען, אַז זי קאָן אויסקומען אָן דיר.
נישקשה, זי וועט נישט פאַרלוירן גיין. ער האָט זיך אויפגעהויבן:
– איך בעט דיך, מאַמע, הערסט? – איך זאָג דאָך גאָרנישט.
ביי לייטן אָבער וואָלט מען נישט געברענט נאָך אַזאַ ווייב.
– הער אויף! – אַזוי! – האָט זי אים אָנגעקוקט אויפסניי –
געוואָרן אַ זיס לעבן גאָר. וואָס מיינסטו, זאַוול,
דו קלייבסט זיך ווידער מיט איר וואוינען? גאָרנישט, האַ?
– איך וועל זי דאָ אַליין נישט לאָזן, מאַמע. הערסט? און אויס!
– אַזוי! איז ווילסטו מיר די חרפה מיטשלעפּן מיט זיך,
אַז איך זאָל דאַרטן אויך באַגראָבן זיך פון עגמת-נפש
און אַז די שטאָט זאָל טייטלען מיט די פינגער: ראַשעס שנור!
באַגראָב מיך דאָ און שוין. – ער איז געשטאַנען אַ פאַרלאָרענער,
געפּלאָנטערט מיט דער צונג: – ס'וועט קיינער גאָרנישט וויסן...
– וואָס איז? דו ווערסט פאַרמאַכן לייטנס מיילער? ווי איז מיר,
מען זאָל זיך פון אַן אייגן קינד נישט קאָנען ראַטעווען!
זיין קול איז ווידער שטייף געוואָרן: – האָסט נישט וואָס צו רעדן.
אַז איך וועל פאָרן, וועט זי מיטפאָרן. דו מעגסט עס זאָגן
דעם טאַטן אויך; איך וועל אַהיים קומען און זי מיט מיר.
די מאַמע האָט זיך אויפגעשטעלט: – איז הער זשע, זאַוול!
ביז איצט האָט מיר דאָס האַרץ געפּלאַצט, האָב איך געטראַכט:
כ'וועל, אפשר וועל איך אים נאָך ראַטעווען. געטראָגן טעפּלעך,
געגנבעט געלט – דו הערסט – געגנבעט געלט פון טאַטן.
איך זאָג נישט – עס איז דיינס – האָסט מיט דיין שווייס פאַרדינט.
נאָר איצט – עס מוז אַ סוף נעמען. דאָ האָסטו דיר דאָס דייגעכץ,
און ווייטער קאָן איך גאָרנישט טאָן. – זי האָט אַרויסגעשלעפּט
אַ טיכל אַסיגנאַציעס, אויפגעבונדן אויפן טיש פאַר אים,
געוויינט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. דאַן מיטן ברעג פון טיכל
די אויגן אויסגעווישט: – געדענק, זאָלסט נישט חרטה האָבן? –
און איז אַרויס.

צוויי וואָכן באַכאַנאַנד האָט זיך געצויגן
דאָס וואַרטעניש, און אין די טעג און נעכט פון די צוויי וואָכן

האָט זאַוול פֿון זיין אייגן לייב געגרייט אַ פֿאַנצער אַרום זיך,
אַ שוץ פֿאַר דעם, וואָס דאַרף אַנטקעגנקומען. פֿון די קינדער־טעג
דערמאָנט זיך אָן דער גרויסער שׂרפֿה, ווען מען האָט דערנאָך
געגעכטיקט אין אַ שטאַל און זיך געשלעפּט צום רב נאָך ברויט,
וואָס מ'האָט געטיילט פֿאַר די נשׂרפֿים. פֿאַרגעשטעלט זיך
די הוילע שוואַרצע שטיינער פֿון דער אָפּגעברענטער שטאָט
און איינגעקריצט אין זיך, אַז דאָרט איז גאָרנישטאָ,
אין רעגנדיקע נעכט וועט ער זיך וואַלגערן אויף שטיינער
און ציטערן פֿון קעלט און קראַנק ווערן און אויסגיין
פֿון הונגער אויף דער גאַס. דאַן ווייטער זיך גערוקט.
אַ ציטערדיקער צוגע־רוקט זיך צום געדאַנק, אַז דאָרט
אויך דאָרט, וואו ס'איז דאָס ווייסע הויז געשטאַנען, שטאַרצט
אַ שוואַרצער קוימען בלויז אַרויס פֿון שוואַרצע ציגל –
אויך דאָס אַריינגעשטאָכן אין זיך ווי אַ נאָדל, איינגעדרייט זיך,
און ווידער אויסגעגליכן זיך – ער איז אויף אַלעם גרייט.
ווייל הינטער אַלעם דעם, פֿאַרגראָבן אין אַ טיפֿעניש,
פֿון וועלכער ס'איז אַ מורא גאָר צו טראַכטן, קוועלט אַרויס
אַ פֿרייד, אַן אויפֿלייזונג, עס שלאָגן זיך אַרויס פֿאַרלאַנגען
און טראַכטונגען, וואָס דריקן אויף דעם אָטעם מיט דעם ליכט
און צוזאָג וואָס אין זיי – ניין, בעסער נישט צו טראַכטן גאָר!
אַזוי האָט ער געגרייט זיך: אויבן אויף אַ פֿאַנצער צו באַשיצן
די וואונדן, וואָס ער האָט אַליין אין זיך געשלאָגן, און זיי ביידע,
דעם פֿאַנצער און די וואונדן – בלויז אַ שילד אויף צו פֿאַרשטעלן
די ווייטע פֿרייד, וואָס האָט געקוועלט אין דער באַגראָבעניש.
ביז עידלעך האָט ער נישט געקאָנט מער שווייגן
און איינמאָל אין אַ נאַכט אַרויסגערעדט אַזוי:

פֿון דער ענגשאַפֿט, פֿון די פֿרעמדע טעג און נעכט,
וואָס ווי ח״ית רעות האָבן מיך געפּלאָגט
און פֿאַרגראָבן מיין נשמה אין אַ שוואַרצער נאָרע
און געוואָרגן דאָרט מיט זייער מיאוסן גערוך –
פֿון דער פֿינסטער נעם מיך ווידער צו מיין היים,

מיין פאַרבּרענטע, מיין פאַרטיליקטע,
נאָר ליבּע היים.

וויסטער הונגער גייט אַרום איבּער דער ערד
און דער טויט אין אַלע לעכער פּויזעט אום.
אויף די הוילע אָפּגעבּרענטע שטיינער פון מיין היים
פאַלט אַ קאַלטער רעגן אין דער נאַכט
און עס וויינען מענטשן אויף די שטיינער אין דעם רעגן.
אָבּער בּעסער אויף די שטיינער אין דעם רעגן
איידער אין דער פרעמדער בּעט.

ווי אַ וואָרעם איז מיין האַרץ געלעגן אין דער ערד,
איצטער פליט עס ווי אַ פויגל צו דעם הימל.
ווי אַ פויגל פליט מיין האַרץ איבּער די שטיינער,
איבּער שוואַרצע קוילן פון אַ שׂרפה,
איבּער מענטשן און געוויינען אין דער נאַכט,
אָבּער בּעסער זיין אַ פויגל איבּער חורבות
איידער זיין אַ וואָרעם אין דער ערד.

נישט אָנגעשריבּן, נישט קיין פּען געטונקט, אַפילו אויף די ליפּן
די ווערטער נישט געבּראַכט, נאָר ליגנדיק אַזוי פאַר זיך אַליין
אַרויסגערעדט, און ס'איז געווען געווען געגנוג. וואָס מען דאַרף נאָך?
און ער האָט שוין געוואוסט — ער וועט זיין שטאַרק
און גרייט אויף אַלץ, וואָס זאָל נישט אויספאַלן אויף אים.
און ווען ער איז בּיינאַכט געלעגן און געשמידט אויף זיך דעם פּאַנצער,
האָט חיה ריווע אויך פאַר זיך געטראַכט: אַוועק פון דאַנען,
וואו קיינער קען זי נישט אַזאַ, און ס'וועט פאַרגעסן ווערן.
און ווי עס זאָל נישט זיין — פאַר מענטשן איז ער דאָך אַ מאַן,
און ווער קאָן וויסן? אפשר דאָרט וועט אים אַוועק דאָס משוגעת,
און וועט ער אַנדערש ווערן — וועט ער פאַרן מויל נישט בּרענגען
נישט ער. איז אפשר איר בּאַשערט נאָך אויסגעריכט צו ווערן.
זי הערט זיין שווייגן, ווייסט זי: עפּעס איז מיט אים,
און בּעט זיך: טאַטע זיסער, זאָל עס נאָר צום גוטן זיין!

אַזוי האָט עס פּאַסירט, אַז איינמאָל אַ פאַרנאַכט
איז זאַוול מיט אַ שווערן פּאַק אַרויסגעקראָכן פון וואַגאָן,
און דאָרט, וואו ס'האָט געדאַרפט זיך אויסשפּרייטן
דער ווייסער בנין פון וואָקזאַל, איז פאַר די אויגן
געווען אַ פוסטקייט, און ס'האָט אויף דער פּוסטקייט
זיך אָנגעשפּאַרט דער גרויסער שטיינערדיקער הויף
אַרויף ביז צו דער בריק. איז דאָס געווען די ערשטע פייל
אין זאַוולס פאַנצער, האָט ער זיך געמאַכט
נישט זעענדיק און אָנגעהויבן גיין איבער די רעלסן
מיט אַלע גלייך אַהין ביז צו דעם אָרט, וואו ס'איז אַמאָל
אַ גאַס געווען. די אויגן איינגעגראָבן אין דער ערד
אויס מורא פאַר אַ נייער פוסטקייט, האָט ער זיך געשלעפּט
אין טריט פון די, וואָס פאַר אים, אָבער גנביש דאָך
האָט זיך דער בליק אַ כאַפּ געטאָן צו בערגלעך ציגל און צו גראָז
וואָס וואַקסט פון צווישן ציגל, האָט ער זיך פאַרשעמט
פאַר זיך און פאַר דעם פאַנצער, וואָס ער האָט געגרייט,
און מיטאַמאָל די אויגן אויפגעהויבן. וואו נישט וואו
איז אויפן וועג אַ הויז געשטאַנען, אָבער טיפער דאָרט
האָט אויסגעזען ווי שטאָט, און אין פאַרנאַכטן-שיין
האָט פון דער ווייט אַ גלאַנץ געטאָן דער קירכן-צלם.
ווי ליב און היימיש גלאַנצט דער קירכן-צלם אין דער זון!
האָט ער גענומען פרייער שפּאַנען מיטן וועג אַראָפּ,
וואָס צו דער ברייטער גאַס, געסאַפּעט שפּאַנענדיק אונטערן פּאַק
און נישט באַמערקט, ווי ס'גייען איינציקווייז אַוועק די לייט,
ווי חיה ריווע בלייבט פון הינטן און ווי טיפער ס'ווערט
אַרום די שטילקייט. ערשט ווען ווייט איבער דער פעסטונג
(איז נאָך אַ פעסטונג דאָ?) האָט ער דערזען הענגענדיק
אַ גרויסע רויטע זון, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, זיך צוגעהערט
און האָט דערהערט — מען רופט אים. אומגעקוקט זיך —
ערשט חיה ריווע שלעפּט זיך מיטן קינד אין מיטן פעלד
און רופט אים מיט די הענט. ווי קומט זי אין אַ פעלד אַריין?
האָט ער גענומען ווי אַ דריידל דרייען זיך אַרום —

ערשט דאָ איז שוין דער טייך. האָט ער זיך צוגעקוקט
און נישט פאַרשטאַנען, נישט דערקענט דאָס פרעמדע אָרט.
נאָר דאָ האָט ער אַ הויז באַמערקט, און ס'האָט אים אויסגערעכט —
ער קען דאָס הויז, און דאָ דאַנעבן דאַרף דער הקדש זיין.
אַליין אָבער האָט זיך דאָס הויז גענורעט אין דער ליידיקייט,
אַליין ביים טייך אין מיטן פעלד און הימל — און ס'האָט זאַוול
צום פאַק אַראָפּגעלאָזט, דעם רוקן אויסגעגלייכט
און ווייט אַרום געשיקט זיין בליק. האָט ער דערזען
אַ רויטן אָפּגלאַנץ אויף די וואַסערן פון טייך און גרינע ווערבעס
און בלויען הימל איבער פרייער ליידיקייט און שטילן טאָג,
וואָס האָט זיך ווייט אַרונטער שוין געטונקט אין רויט,
און ס'איז אים קלאָר געוואָרן. מיטאַמאָל דערפילט
ווי ס'ברעכן זיך די קני און פאַר די אויגן ציט אַ נעבל
און אָט־אָ פאַלט ער. אָבער ס'קומען אונטער טריט —
ס'איז ח'ה ריווע דאָ — און מיט אוממענטשלעכן, מיט ווילדן צוואַנג
האַלט זאַוול איין דעם יאָמער און ער גלייכט זיך אויס.
איין בליק אויף אים, איין קוק אַרום — און שטאָט פון אים
רייסט אויף דאָס יאָמערן פון איר, און הויך און ברייט
צעגיסט זיך עס אַרום. ס'איז נישט דער יאָמער פון אַ מענטש,
וואָס וועקט אין טרערן אויס אַ וואונד פון אָפּגעריסן לייב,
נאָר גאָטס אַ ווילד געשאַף, וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט
פאַר נאַכט־געפאַנג און מיטאַמאָל דערזען די ערד
צעשפאָלטן פאַר די טריט מיט שוואַרצקייט פון אַ תהום
און יאָמערט אין דעם תהום אַריין די שרעק פון אונטערגאַנג.
אַזוי האָט זי געוואָיעט. אָבער זאַוול האָט שוין אָנגעטאָן
דעם פאַנצער אַרום זיך, געשטאַנען הינטער איר, געגלעט
מיט ציטערדיקע הענט: מען דאַרף נישט וויינען!
מען דאַרף נישט וויינען, חיה ריווע! — און די ציין האָבן געקלאַפּט
און מיט פאַרביסנקייט די אויגן איינגעשטאָכן אין דער וויסטעניש,
וואָס איז געווען שטאָט, האָט ער געפילט ווי ס'שטראָמט
זיין אייגענער פאַרשטיקטער יאָמער פון די פינגער,
וואָס גלעטן איר דעם קאָפּ און האָט געברומט פאַרביסענער:

– מען דאַרף נישט וויינען! לאַנג אַזוי... אַ צייט אַזוי...
ביז ס'האָט די זון אין רויטקייט זיך צעפּלאַצט,
איז חיה ריווע שטיל געוואָרן, דאַן די אויגן אויפגעהויבן
און אָן אַ קול געפרעגט: – וואָס וועט מען איצטער טאָן?
און זאַוול האָט געענטפערט: – מען וועט גיין.

מען איז געגאַנגען איבער פעלד, וואו שטיקער פוילע ברעטער
פון טראָטואַרן און פון הייזער האָבן אָנגעצייגט די גאַסן,
און ס'האָבן זיך אין בלייכן אָוונט-שיין געזען
אי שטיקער האָלץ, אי ציגל, אי דער שטיין פון פונדאַמענט.
באַלד האָבן זיך באַוויזן הייזער פון דער ווייס, נאָר פריער נאָך
אַליין אין מיטן ליידיקייט האָט זיך אַ הויב געטאָן
די גרויסע שטיינערנע זעקס-עקעדיקע שול, און מיטן דאַך,
וואָס האָט זיך קיילעכדיק און שפּיציק אויפגעהויבן
צום לעצטן מאָטן גאָלד אין וואָלקנס, האָט זי אויסגעזען
ווי זי וואָלט אייביק דאָ אַן אָפּגעזונדערטע געשטאַנען
און ווייט פון אַלעמען. איז זאַוול שטיין געבליבן,
אַ סקרוך איז אים אַריבער דורכן לייב, און נאָך אַ ווייל
און ס'איז אים איינגעפאַלן: ער איז ווי די שול אַליין.
אַ שטיינערנער, אַ שווערער שטייט ער אויך אין מיטן וויסטעניש
אַן אָפּגעזונדערטער פון אַלעמען און ער וועט אויסהאַלטן
ווי דאָ די שול. גענומען שנעלער גיין צו הייזער,
און מענטשן זענען אָנגעקומען, אויסגעפרעגט זיך, אָנגעוויזן
וואו ס'האַלט זיך אויף דער טאַטע און אין וועלכע בתּי מדרשים
עס איז נאָך פּלאַץ פאַראַן פאַר די, וואָס אָן אַ היים.
אַז ס'איז געוואָרן נאַכט, און חיה ריווע האָט דאָס קינד
צוועקגעלייגט אין ווייבער-שטיבל אויף אַ באַנק, איז זי אַראָפּ
אַ קוק טאָן, וואו איז זאַוול. האָט זי אים געזוכט
אין פאָדערהויז און אין בית המדרש און אין דרויסן,
נאָר זאַוול איז אַוועק. איז זי געבליבן אויף די טרעפּלעך דרויסן,
געקוקט ווי ס'גייט אַרום די יונגע לבנה און געוואַרט.
און זאַוול איז געגאַנגען גנבענענדיק זיך מיטן בולוואַר,

און ס'האָט דאָס האַרץ אים ענגער זיך געשטיקט מיט יעדן טריט,
וואָס האָט דערנענטערט צו דעם פּלאַץ, צו יענעם פּלאַץ,
וואו ס'איז געווען — און אפשר איז נאָך דאָ? — דאָס הויז.
דערזען דאָס גרוי געשטאַלט אין טונקל, האָט ער פריער
דעם קאָפּ אַוועקגעדרייט, געשפּרייזט נישט קוקנדיק,
ביז ער איז צוגעגאַנגען נאָנט און שטיין געבליבן.
ס'איז דאָ! פאַרקלאַפּט די לאָדנס מיט די טירן,
אַ פינסטערס שטייט עס, אָבער נישט גערירט געוואָרן,
ס'איז דאָ! האָט ער גענומען ווייטער שפּרייזן, פּלומרשט צופעליק
זיך אָפּגעשטעלט אַ ווייל און איצטער דאַרף ער ווייטער גיין.
איז גייט ער ווייטער, אָבער אינווייניק שפּאַרט עס שוין
מיט גאווה און פאַרביסנקייט און ס'זינגט אַרויס:

האָסט מיין אייגן היים פאַרברענט
און עס אָפּגעמעקט פון דר'ערד.
שפּאַר איך אָן מיין מידן קאָפּ
דאָרט וואו אַלע אָן אַ היים.
אָן אַ היים און אָן אַ דאַך
בין איך דאָרטן וואו איך בין.

האָסטו פּוסט און וויסט געמאַכט
אַלע וועגן אַרום מיר.
שטיי איך ווי אַ האַרטער שטיין
אין דער וויסטעניש אַליין.
אין דער וויסטעניש אַ שטיין
בין איך דאָרטן וואו איך בין.

האָסטו שפּיזן גיפטיקע
מיר אין האַרץ אַריין געשיקט.
האָב איך מיר דאָס האַרץ פאַרשטיקט,
כאָטש דאָס בלוט פון דאָרטן טריפט,
אָבער מיטן סם אין האַרץ
בין איך דאָרטן וואו איך בין.

קעלט און הונגער, פּיין און בלוט –
אַלץ האָסטו מיר צוגעגרייט.
בין איך אויף דעם אַלעם גרייט,
און איך גיי צום שוואַרצן טויט,
גייענדיק אַנטקעגן טויט
בין איך דאָרטן וואו איך בין.

אַזוי האָט עס גערעדט פון אים און ס'האָט מיט יעדן וואָרט
זיין טראָט זיך פעסטער אָנגעשלאָגן אָן דער ערד.
נאָר ווער איז דער, אַנטקעגן וועמענס פּיין
ער שטעלט זיך עס מיט אַזאַ גאוה און פאַרביסנקייט,
האָט זאָל נישט געטראַכט און נישט געוואוסט.